STATE OF NEW YORK | EXECUTIVE CHAMBER

ANDREW M. CUOMO | GOVERNOR

**פאר זאפארטיגע ארויסגעבונג:** דעצעמבער 10, 2012

## גאווערנאר קואמא (CUOMO) מעלדט אז FEMA דיזאסטער אסיסטענס דעדליין איז פארלענגערט

***איינוואוינער פון דרייצן דערקלערטע קאונטיס מעגן זיך איינגעבן פאר FEMA דיזאסטער אסיסטענס ביז יאנואר 28, 2013***

גאווערנאר ענדרו עם. קואמא (Andrew M. Cuomo) האט היינט געמאלדן אז די דעדליין פאר איינוואוינער ווער וואוינען אין איינע פון די דרייצן דיזאסטער־דערקלערטע קאונטיס זיך צו רעגיסטרירן פאר FEMA אסיסטענס איז פארלענגערט געווארן ביז יאנואר 28, 2013.  די פאריגע דעדליין איז געווען דעצעמבער 31, 2012.

פעדעראל דיזאסטער אסיסטענס פאר יחידים און פאמיליעס קענען אריינרעכענען געלט פאר רענטאל הילף, נויטיגע היים פארריכטונגען, פערזענליכע אייגנטום פארלוסטן און אנדערע ערנסטע געברויכן אין שייכות מיט דיזאסטער וועלכע זענען נישט געדעקט דורך אינשורענס.  איינוואוינער אין די פאלגנדע קאונטיס זענען בארעכטיגט צו אסיסטענס: בראנקס (Bronx), קינגס (Kings), נאסאו (Nassau), ניו יארק, ריטשמאנד (Richmond), ראקלענד (Rockland), וועסטשעסטער (Westchester), סאפאלק (Suffolk), קווינס (Queens), ארענדזש (Orange), פאטנעם (Putnam), סאליוואן (Sullivan) און אולסטער (Ulster).

"בשעת מיר ארבעטן צו העלפן קאמיוניטיס זיך אויפצושטעלן אויף די פיס, וועט די דאזיגע פארלענגערונג זיין היבש בייהילפיג פאר ניו יארקערס וועלכע זענען באטראפן געווארן פון האריקעין סענדי (Sandy)," האט גאווערנאר קואמא (Cuomo) געזאגט.  "בשעת מיר דערנענטערן זיך צום האלידעי סעזאן און אנהייבן דאס נייע יאר, וועט די דאזיגע פארלענגערונג געבן געטראפענע פאמיליעס און יחידים מער צייט זיך איינצוגעבן פאר שטארק אויסגעפעלטע אסיסטענס צו העלפן זיך צוריק אויפבויען און ערהוילן."

יחידים קענען זיך רעגיסטרירן אנליין אויף www.disasterassistance.gov אדער דורך סמארטפאון אדער טאבלעט אויף m.fema.gov.

אפליקאנטן מעגן אויך רופן 800-621-3362 אדער 800-462-7585 (TTY).  אפליקאנטן וועלכע באנוצן זיך מיט 7-1-1 רילעי אדער ווידעא רילעי סערוויסעס (VRS) מעגן רופן 800-621-3362.  די טאל־פריי טעלעפאן נומערן אפערירן 24 שעה א טאג, זיבן טעג א וואך ביז א ווייטערדיגע מעלדונג.

###

מער נייעס צו טרעפן אויף www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | Executive Chamber | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

Yiddish